# יחיזהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת פקודי תשפ"ד / גליון פ'


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (נח)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | ואמר ומה הוא עבודת |
| שני | והנה מחמת עבודת |
| שלישי | ותשחת הארץ |
| רביעי | ותנח התיבה בחודש |
| חמישי | והנה איתא שכינה עד ד"ה וזהו אין טובה |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624


0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין אירופה
033.0551.7811

ספעציעלע שמועס'ן און שיעורים
הכנה לימי הפורים
אויף היכל המרכזי נומער 9 אדער נומער 30


## חסיד'יש געדערט

א חסיד'ישע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א נייע קוק - א נייע וועלט

### ווי קען מען פארלאנגען פון אונז, צו טרעפן דעם אויבערשטן אינעם גשמיות'דיגן לעבן, ווען לכאורה רופט דער גשמיות אויס פונקט דאס פארקערטע?

די הייליגע חסיד'ישע ספרים האלטן אין איין איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל: לעב מיטן אויבערשטן א גאנצן טאג! נישט בלויז בשעת'ן דאווענען און לערנען, נאר אויך בשעת'ן עסן און טרונקען, אויך בשעת'ן האנדלען און וואנדלען, וואו דו גייסט און שטייסט, זאלסטו טראכטן פונעם אויבערשטן און לעבן מיט אים.

פילמאל פרעגט זיך ביי אונז א שאלה - וועלכע בויערט טיף אין הארץ און לאזט נישט קיין מנוחה: "וויאזוי קען איך לעבן אין א פרישטאג - פונקט ווי אין א תפילין לייגן?! איז דען מעגליך, אז א מענטש זאל ממש שפירן אזא ליכטיגקייט און נאנטקייט צום אויבערשטן בשעת'ן עסן, אזויווי ער שפירט בשעת'ן צובינדן אויף זיך די הייליגע תפילין?! איז דען מעגליך צו זיין נאנט צום אויבערשטן בשעת'ן שוויצן אין דער ארבעט - פונקט ווי בשעת'ן שוויצן אויף א תוספות?!".

ווי קענען די חסיד'ישע צדיקים פארלאנגען פון אונז, צו טרעפן דעם אויבערשטן אינעם גשמיות'דיגן לעבן, ווען לכאורה רופט דער גשמיות אויס - פונקט דאס פארקערטע ווי 'אויבערשטער'?!

## אן אמת'ער בליק

דער 'מאור עינים' איז אונז מסביר אין דער וואכנדיגער פרשה (השמטות, פקודי), אז די עבודה וואס פארלאנגט זיך פון א מענטש איז איין זאך: טוישן זיין קוק אויף דעם גאנצן מציאות פון 'גשמיות'! (אין זיין שפראך: "לתקן בשורשה, לעלות לעולם **הבינה**"). דאס הייסט, א מענטש זאל ארייניגיין אביסל טיפער, און זיך זעלבט אויסקלארן א גאנצן צייט: 'גשמיות' איז נישט קיין זעלבסטשטענדיגע זאך - וועלכע איז אפגעריסן פונעם אויבערשטן! דער שורש פון גשמיות, איז דער אור פונעם אויבערשטן וועלכע רוהט און געפונט זיך איבעראל - אין אלע עולמות פון אויבן ביז אונטן (אין זיין שפראך: בחינת **'שכינה'**), נאר אויף דערווייל איז דער אור נעבעך באהאלטן אין א גרויסע הסתרה (אין זיין שפראך: **'גלות** השכינה').

איינמאל א מענטש כאפט אויף דעם דאזיגן אמת, ווערן אלע שיכטן פון שאלאכטס 'אויס'! אלע קליפות ווערן איבערגעדרייט צו א ליכטיגקייט! (אין זיין שפראך: בחינת '**המתקת הדינים** והגבורות' בשורשן - 'עולם הבינה'), און דער מענטש איז זוכה צו זען דעם אויבערשטנ'ס ליכטיגקייט אויך אין דער גשמיות'דיגער לעבן.

בעצם, דאס וואס א מענטש זעצט זיך עסן פרישטאג - איז א געהעריגע מצוה - פונקט ווי ווען ער גיבט צו עסן פאר א צווייטן איד! דאס איז דאך דער רצון ה', אז א איד זאל היטן אויף זיין געזונט און מפרנס זיין זיך און זיין בני בית. דער פראבלעם געשעט נאר, ווען דער מענטש נעמט דעם פרישטאג - כדי נאכצוגעבן זיינע תאוות, און נישט כדי צו טון דערמיט דעם רצון ה'. אבער הא גופא, פון וואו קומט דער משוגעת וואס ער שלעפט עס אוועק פונעם נארמאלן פלאץ אוואו עס באלאנגט?! דאס קומט נאר פון דעם וואס ער איז נישט אינגאנצן זיכער און קלאר אויף הונדערט פראצענט, אז אט דער גשמיות'דיגער מאכל פארמאגט נישט אין זיך עפעס אנדערש ווי אור ה' - וועלכע איז מלובש אין גשמיות. ווען א מענטש וועט ארייינטראכטן מיט זיין 'בינה' און דארטן וועט ער טוישן זיין גאנצער בליק אויף ברויט און פלייש - וועלן אלע לבושים אוועקפאלן, און אויטאמאטיש וועט ער קענען לעבן מיטן אויבערשטן אויך ביים עסן.

> **בעצם, דאס וואס א מענטש זעצט זיך עסן פרישטאג – איז א געהעריגע מצוה – פונקט ווי ווען ער גיבט צו עסן פאר א צווייטן איד! דאס איז דאך דער רצון ה'**

## די שכינה איז דא - אבער זי איז אין גלות

דעם דאזיגן געדאנק נוצט דער 'מאור עינים', מסביר צו זיין נאך א הארבערע זאך, וועלכע רופט זיך: 'חטא'. ווייל אינעם ענין פון חטא איז פארהאן א שטיקל צומישטקייט. פון איין זייט ווייסן מיר, אז ווען א איד זינדיגט ווערט ער אפגעריסן פונעם אויבערשטן רחמנא ליצלן; ווי עס שטייט אין מדרש: אז דער בית המקדש איז גענומען געווארן אלס א 'משכון' צוליב אונזערע חטאים; ווי רש"י ברענגט: "נתמשכן בעוונותיהם של ישראל". און ווי פארשטענדליך, גייט דאס אויך ארויף אויפן פרטיות'דיגן משכן פון יעדן איד, וואס דער אויבערשטער רוהט אין אים - אז דורך זיינע חטאים ווערט ער חלילה אפגעריסן פונעם אויבערשטן און דער אויבערשטער רוהט נישט מער אין אים.

פון צווייטן זייט ווייסן מיר, אז אפילו ווען א איד געפונט זיך אין א נידריגן מצב - איז נאכאלץ דער אויבערשטער מיט אים; ווי די גמרא זאגט: "כל מקום שגלו שכינה עמהם" - די שכינה איז מיט דעם איד אין גלות. נו, וויאזוי מאכט מען דא סדר?! איז א איד נאכן חטא אפגעריסן אדער נישט?!

ענטפערט דער מאור עינים: אודאי איז א איד שטענדיג דבוק צום אויבערשטן - נישט קיין חילוק אין וועלכן מצב ער איז, אבער די שכינה איז מיט אים אין א מצב פון 'גלות'! גלות מיינט 'באהאלטן'! די שכינה איז באהאלטן מיט אים און פון אים! אין אנדערע ווערטער: דער אויבערשטער באלייכט אונז מיט זיין ליכטיגקייט - אין יעדן מצב, אבער דורך אונזערע חטאים שאפט זיך א פירהאנג פון א 'הסתרה', און דעמאלט זעט אונז אויס כאילו מיר זענען חס ושלום אפגעריסן פון אים. "קֹדֶם הַחֻרְבָּן הָיָה בְּסוֹד פָּנִים הַנִּרְאִים, וְהַשְּׁכִינָה הָיָה שׁוֹרָה בְּאִתְגַּלְיָא, וְעַכְשָׁו הוּא בְּהַסְתָּרַת כַּמָּה לְבוּשִׁין, וְזֶהוּ הַגָּלוּת, דְּאִתְלַבְּשָׁא בְּכַמָּה לְבוּשִׁין...".

## תשובה - צוריקגיין פון וואו מיר קומען

וואס טוט מען? וואס איז דער לייזונג צו אזא ביטערע מצב, ווען דער אויבערשטער איז דא, אבער מיר זענען אונטער דיקע פירהענג, און עס קוקט אונז אויס כאילו ער איז נישט דא? וואס טוט מען ווען חטא - טוט וואס ער טוט?

יעדעס קינד ווייסט דעם תירוץ: מען טוט **תשובה!** אבער די שאלה איז: וואס איז דאס די טיפקייט פון תשובה?

תשובה מיינט 'זיך צוריקקערן'! קיין וואו? דארט אהין - פון וואו מען קומט אריגינאל! צום שורש! תשובה הייבט זיך אן מיט אט די דאזיגע 'הבנה', וואס דער מענטש פארשטייט אז אפילו אינעם ווייטסטן מצב וואו ער געפונט זיך נאר - אדער בעסער געזאגט: וואס 'עס זעט אים אויס' אז ער געפונט זיך נאר - "איז דער אויבערשטער מיט מיר! איך בין נאכאלץ צוגעבינדן צו מיין שורש! עכט בין איך קיינמאל נישט געווארן אפגעריסן פון אים!". און טאקע פון אזא פארשטאנד, ווערט אויפגעוועקט ביי א מענטש טיפע חרטה געפילן - פארוואס ער האט זיך געלאזט נארן און פרובירט אוועקצוגיין פונעם אויבערשטן, ווי כאילו מען קען בכלל אוועקגיין פון אים. און פון דארט קומט ער אויך אן צו א שטארקע קבלה על העתיד, אז פון היינט און ווייטער וועט ער זיך שוין נישט לאזן נארן, נאר בלייבן א גאנצן צייט מקושר צום אויבערשטן! און דעמאלט טוט ער אויס די 'לבושים' וועלכע באהאלטן דעם אור (די 'דינים'), ער רוקט אוועק די אלע פירהענג וועלכע פאַרשטעלן די זון שטראלן פון ארייינשיינען צו אים.

אין זיין הייליגן לשון: "כְּשֶׁיַּבְחִין אָדָם

המשך אין עמוד ב

# א פנימיות'דיגע פורים

## וואס איז פשט אז די שמחה פון 'פורים' כאפט יעדן איינעם אין יעדן מצב און עלטער? • און וואס איז די 'נקודה' פון פורים וואס מ'טאר נישט פארגעסן?

**משפיע:** ס'קומט שוין פורים, אברהם יצחק!

**אברהם יצחק:** אוודאי, יעדער גרייט זיך, יעדער פריידט זיך. פונקט אנהייב וואך איז מיר אויסגעקומען צו הערן א שמועס צווישן צוויי קוים-בר מצוה בחורים, ווי איינער האט זיך אנגערופן צום צווייטן אז אין צוויי וואכן ארום איז פורים! דער צווייטער איז געווארן אזוי איבערגענומען דערפון, אזש ער האט שיער אנגעהויבן טאנצן! ס'איז געווען שיין צו זען ווי פורים שאפט אזא שמחה ביי יעדן...

### פורים אויך פאר קליינע...

**משפיע:** מיינסט צו זאגן אז אויך קליינע קעפ וואס פארשטיין נאכנישט די קדושת היום פון פורים, פרייען זיך דערמיט. אבער פארוואס טאקע, וואס נעמט זיי איבער? פארוואס ווערן זיי אזוי פריילעך מיט א טאג אין וואס זיי פארשטייען נישט?

> מענטשן וואלטן אויסגעגאנגען צו פילן אין זייערע בעסטע מינוטן דורכ'ן יאר, עפעס פון דער געוויין און בענקעניש וואס זיי האבן געפילט ביי דער התגלות פון פורים

**אברהם יצחק:** וואס איז די קשיא? קינדער זענען די ערשטע זיך צו פרייען... די 'מצב', שיכורים, פורים רב, פורים שפיל, ס'איז לוסטיג אין שטעטל! גאנצעטע וואכן ווארטן זיי שוין דערויף!

**משפיע:** פארט מיין איך אז ס'האט א פנימיות אין זיך. ס'דריקט אויס אז **יעדער איינער** האט א שייכות צום גרויסן אור פון פורים! אין יעדן מצב, אפילו די נידריגסטע, קען מען אריינעמען די אור פון פורים אין זיך! אויף אזוי ווייט אז אפילו קליינע קינדער שפירן די שמחה פון פורים. נאר וואס? יעדער באגרייפט עס לויט זיין הבנה, און דערפאר טייטשט זיך עס אויס ביי קליינע קינדער בעיקר מיט חיצוניות, כאטש אויך אין די זאכן ליגן טיפע סודות, פשוט ווייל זיי פארשטיין נישט מער. אבער פארשטייט זיך אז וואס מער מ'וואקסט אונטער, דארף דער יו"ט באקומען מער א געהויבענע דערהער.

**אברהם יצחק:** טאקע, יעצט כאפ איך אז אויך איך בין אריבער דעם 'פראצעדור'. אסאך מאל ווען איך דערמאן זיך פון פורים, טוט עס צוערשט ערוועקן ביי מיר דעמאלטסטיגע 'מצב' און 'שיכרות'... צומאל קען איך זיך טרעפן פארקלאצט פאר גאנצע פינף מינוט בלויז אין דעם אליינס... הייסט אז אויך איך בין מעגליך א קליין קינד...?

**משפיע:** קוק, פורים איז טאקע א פריילעכער טאג. ס'האט אלע טעמים, דעריבער קען מען עס אויך שפירן בחיצוניות. אונזערע געפילן ווערן נאטורליך נאכגעשלעפט מיטן ערשטן בליק אויפן חיצוניות, איבערהויפט אז ס'באגלייט אונז נאך פון אלס קינד. ס'איז נישט קיין שלעכטע זאך, סך הכל זענען דאס אידישע איבערלעבענישן און געפילן. זיכער ליגט אן אור און קדושה דערין. אבער ווען מ'ווערט עלטער און די שכל אנטוויקלט זיך, דארף מען אריינלייגן א משמעות און פנימיות אין די געפילן.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי, אפשר זאלן מיר בארעדן די באדייט פון די געפילן?

**משפיע:** לאמיר טראכטן אינאיינעם וואספארא סארט מחשבות קומט דיר ארויף ווען דו שטעלסט זיך פאר די 'מצב' פון פורים? וואס שפירסטו ווען דו דערמאנסט זיך פון די 'גילופין'ביים סעודת פורים? זיכער טרעפסטו זיך אין עפעס א בילד, וואס דו וואלטסט געוואלט זיך טרעפן דארט...

**אברהם יצחק:** אוהו, מ'קען נישט אנהייבן פארצולייגן וואספארא בילדער ס'קומען מיר ארויף אין קאפ! כ'שטעל זיך פאר די משתה היין... תשוקות, געפילן, השתפכות הנפש, מיין נקודה הפנימית ווערט נתעורר און כ'ווער פול מיט געגועים צום טאטן אין הימל... מ'קען רעדן אן אמת'ע ווארט צום אויבערשטן, דאס הארץ איז דעמאלטס אפן צו זען ווי יעדער איד איז איין שטיק גוטס... די געגועים וואס נעמען מיר איבער איז אוממעגליך צו שילדערן...

**משפיע:** פששי... דו זאגסט עס אזוי גוט! דערצייל ווייטער...

**אברהם יצחק:** וואס נאך? אלע מיני אזעלכע מחשבות. פלוצלונג שפירט מען ווי אלץ איז גוט, אלץ איז ליכטיג, ס'איז א ליכטיגע וועלט! א וועלט פון אויבערשטן! יעדער איד איז גוט, קיינער וויל גארנישט אויסער דעם אויבערשטן און זיין הייליגע תורה...

**משפיע:** כאפסט אליינס נישט ווי גוט דו רעדסט, ווייל בשעת דו שטעלסט פאר דאס חיצוניות'דיגע בילד פון פורים, טוט זיך דאס אויסדריקן ביי דיר מיט א פתיחת הלב צום אויבערשטן און גאר געהויבענע געפילן - גענצליך פנימיות'דיגע געפילן...

**אברהם יצחק:** גערעכט. דאס איז דאס בילד וואס קומט מיר ארויף אין קאפ, אבער איך האף אז איך האלט באמת דערביי און אז איך טו זיך נישט אליינס אפנארן...

**משפיע:** מ'דארף נישט מאכן אזויפיל חשבונות! די נקודה איז אמת, און דאס איז אונז גענוג. יעדער אזא התעוררות דריקט אויס אן אמת'ע נקודה וואס מ'האט אין הארץ, און מ'קען זיך נישט פארשטעלן ווי חשוב און טייער יעדע אזא דיבור און מחשבה איז ביים אויבערשטן.

**אברהם יצחק:** דער משפיע בארואיגט מיר אז מיט די מחשבות וואס קומען מיר ארויף אין קאפ, האב איך א שייכות מיט די תוכן הפנימי פון פורים.

**משפיע:** גערעכט, אבער כ'מוז מדגיש זיין אז ווען די בילדער און 'מצבים' קומען ארויף אין קאפ, דארפסטו געדענקען זיך צו מתחבר זיין צו די נקודה הפנימית פון דאס אידיש הארץ ווי דו האסט פריער אזוי הערליך אראפגעלייגט, נישט בלייבן מיט די חיצוניות'דיגע מצבים און דמיונות פון פורים. און דעריבער דארף מען זיך שוין יעצט פאר פורים מתחבר זיין צו דער נקודה, און זיך מתחבר זיין צו די נקודה פונעם די טאג אויף א פנימיות'דיגן אופן. ס'דארף זיין דיין לכתחילה'דיגע צוגאנג צו די סעודת פורים און משתה היין. ווען די צוגאנג וועט זיין קלאר ביי דיר נאך איידער פורים, וועט דיר עס באגלייטן פארן גאנצן יאר צו לעבן מיט די נקודה פנימית וואס ווערט נתעורר אום פורים.

### ווען די הסתרות פאלן אוועק, פלאצט דאס הארץ אויס...

**אברהם יצחק:** אייגנטליך טראכט איך יעצט אז ס'איז לאו דוקא פארבונדן מיט פורים, ס'זענען מחשבות וואס מ'דארף טראכטן א גאנץ יאר, קירבת ה', אהבת ה', אהבת ישראל, דאס אלץ זענען מחשבות מיט וואס א איד דארף לעבן א גאנץ יאר. וואס האט עס דוקא מיט פורים?

**משפיע:** ווייל 'נכנס יין יצא סוד', די מחשבות און הרגשים זענען די נקודה הפנימית וואס איז באהאלטן אין יעדן איד, נאר במשך דאס יאר איז עס פארדעקט מיט אלע מיני לבושים, אבער יעצט ביום הפורים ובפרט בשעת משתה היין, ווערט נתגלה דער 'סוד'.

**אברהם יצחק:** אבער וואס האט פורים מיט טרערן פון געגועים און תשובה? אדער מיט אלע מיני הארציגע

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**וְיָבִין, שֶׁבִּבְחִינָה הַהִיא אֲשֶׁר גָּלָה הָאָדָם, שָׁם שְׁכִינָתוֹ כִּבְיָכוֹל גַּם כֵּן נִגְלְתָה שָׁמָּה, וּמִשָּׁם יַעֲלֶה לְהִדָּבֵק בּוֹ יִתְבָּרַךְ, לְהִדָּבֵק בְּשָׁרְשׁוֹ שֶׁל בְּחִינָה הַהִיא אֲשֶׁר מִשָּׁם נִלְקְחָה, זֶה נִקְרָא תְּשׁוּבָה, שֶׁמֵּשִׁיב כָּל דָּבָר לְשָׁרְשׁוֹ, וּמִתְבַּטְּלִין וּמִתְמַתְּקִין הַדִּינִים בְּשָׁרְשָׁם כִּי מִמֶּנּוּ בָּאוּ וְאֵלָיו יָשׁוּבוּ...".**

אויב נאכן דורכפאלן חלילה מיט א חטא און איסור, קען מען דורך 'תשובה' - וואס דאס מיינט 'צוריקקומען צום שורש' - אוועקרוקן אלע פירהענג, איז דאך א כל שכן ווען עס האנדלט זיך פון א דורכפאל אין 'עניני היתר', וואס דער מענטש איז אריינגעפאלן אין גשמיות, איז דאך אודאי אז דער מענטש דארף פשוט טוישן זיין קוק, ער דארף באקומען די ריכטיגע 'בינה' - אנצוקוקן זאכן ריכטיג, צו וויסן קלאר, אז עס איז נישטא קיין שום מציאות - אויסער דעם אויבערשטן! און יעדע גשמיות'דיגע זאך - האט נישט קיין שום מציאות, אויסער דעם אויבערשטנ'ס אור וועלכע שיינט אריין דערין! דעמאלט וועלן אלע לבושים זיך אפשיילן, און דער מענטש וועט קענען לעבן מיטן אויבערשטן אין יעדן פלאץ, צייט און מצב.

ער פירט אויס א דערהער אינעם פסוק: "**וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן' - מַה שֶּׁהִיא בְּחִינַת שְׁכִינָה, הַשּׁוֹכֵן בַּתַּחְתּוֹנִים, הֵבִיאוּ 'אֶל מֹשֶׁה' - שֶׁזָּכָה לְבִינָה, שֶׁשָּׁם מִתְפַּשֶּׁטֶת מֵהַלְּבוּשִׁים וְנִגְלֵית בְּאוֹר הַבָּהִיר**".

געשפרעכן צווישן פריינט? פורים איז דאך א יום ששון ושמחה, מ'דארף טאנצן און זיך פרייען!

**משפיע:** ביסט גערעכט. פורים איז טאקע א פרייליכער טאג, אבער מ'דארף כאפן מיט וואספארא שמחה פרייען מיט זיך פורים, ווייל מ'קען נישט פארגלייכן די שמחה פון פורים צו אלע אנדערע שמחות וואס מ'האט יעדן יו"ט אדער סיי ווען. די שמחה פון פורים איז צוליב דעם וואס דעמאלטס ווערט נתגלה אלע הסתרות, פורים ווערט נתגלה דעם 'ונהפוך הוא', אז אלע הסתרות איז גילוי אלקות, ס'ווערט נתגלה אז 'אין עוד מלבדו' און אלץ איז מיט א חשבון, יעדע זאך, בכללות ובפרטות וואס גייט פאר אין די וועלט, איז איין גרויסע יחוד, אלץ איז דער אויבערשטער, און אט די גילוי איז אונז משפיע אן א שיעור שמחה, ווען אין די זעלבע צייט איז עס אונז מעורר צו בכיה, געגועים, תשובה און אהבת חברים!

**אברהם יצחק:** פארוואס?

**משפיע:** ווייל ווען מיטאמאל פאלן צוזאם אלע מסכים, ווערט דאס הארץ פארפלייצט מיט א מורא'דיגע התרגשות, אלע הייליגע געפילן וואס ווערן פארקוועטשט אין הארץ דורכאויס דעם יאר גליטשן זיך אצינד ארויס אויף פארשידענע וועגן. פארשטייט זיך אז ס'קומט פון א געוואלדיגע געפיל פון שמחה, דער איד פריידט זיך ווען ס'ווערט נתגלה ווער און וואס ער איז, צו וועמען ער געהערט, און וויפיל השי"ת איז נאנט צו אים אן קיין מסך המבדיל. און אין אנדערע ווערטער: מענטשן וואלטן אויסגעגאנגען צו פילן אין זייערע בעסטע מינוטן דורכ'ן יאר, עפעס פון דער "געוויין" און בענקעניש וואס זיי האבן געפילט ביי דער התגלות פון פורים.

## נישט פארגעסן די 'נקודה'

**אברהם יצחק:** וויאזוי גרייט מען זיך צו פאר אזא אור? וואס איז די ריכטיגע צורה וואס איך דארף טראכטן ווען ס'קומט מיר ארויף די סארט הרגשים?

**משפיע:** דער עיקר איז נישט פארלירן די נקודה. צומאל פון אזויפיל שטורעמישע געפילן קען מען דערלייגן די ריכטיגע מטרה, דערפאר איז דער עיקר הכנה צו כאפן די נקודה עס חזר'ן און גוט איינקריצן אין הארץ אזוי אז אויך בשעת מעשה זאל מען עס געדענקען. וואס איז די נקודה? **נקודת האמונה.** ס'זענען דא פארשידענע יסודות'דיגע נקודות פון אמונה וואס ווערן אונז נתגלה ביים נס פורים, וואס מיט זיי טוען מיר זיך פרייען. **צוערשט** ווערט נתגלה דאס וואס מ'זעט בחוש, אז יעדע תנועה און געשעעניש אין די וועלט איז מיט די השגחה און הנהגה פון השי"ת אליינס, ווען אום פורים איז אוועקגענומען געווארן די הסתרה פון טבע וואס פארדעקט גילוי אלקות בעולם (דאס איז אויך די נקודה פון 'מחיית עמלק', ווייל עמלק איז די כח ההסתרה וואס וויל אריינברענגען אן 'אשר קרך' צו באלעבן נאר דעם טבע הבריאה).

**אזוי אויך** איז אין דעם נס נתגלה געווארן די 'נצחיות' פון כלל ישראל און פון יעדן איד, ווייל מ'האט געזען אז אפילו ווען כלל ישראל האט זיך געפונען אין אזא נידריגע מצב אז ס'איז געווען "ולמלך אין שוה להניחם", זייענדיג טיף פארזינקען אין טומאת העמים, האט אונז השי"ת נישט פארלאזט און אויסגעהערט אונזערע תפילות (אויך דאס איז א נקודה פון 'מחיית עמלק' וועלכער האט מטמא געווען כלל ישראל, וויבאלד 'אשר קרך' איז מלשון טומאה ווי ס'שטייט אין חז"ל).

**אויסער דעם איז נתגלה געווארן,** אז די גאנצע וועלט דרייט זיך ארום כלל ישראל. אפילו ווען א גוי זאל פלאנירן אויסצוראטן כלל ישראל, נישט נאר וואס השי"ת וועט עס נישט צולאזן, נאר ער דרייט עס אויס לטובה פאר אידן, וויבאלד זיי זענען דער תכלית הבריאה און די גאנצע וועלט איז משועבד צו זיי, היות נאר זיי קענען מגלה זיין מלכותו ית' בעולם (וואס אויך דאס איז אנקעגן עמלק, וואס איז געווען דער ערשטער גרינגצושעצן די מעלה פון כלל ישראל).

די דריי נקודות צוזאמען ברענגט ביי אונז איין מסקנא: איך געהער צום אויבערשטן, מיין איינציגסטע מטרה איז צו מגלה זיין דעם אויבערשטן, אין, און ארום מיר!

**אברהם יצחק:** דער משפיע האט דא אויסגעשמועסט אין קורצן: די נקודה פון גילוי אלקות אין טבע; התגלות חביבות ה' צו יעדן איד; און התגלות אז א איד איז די תכלית הבריאה, ריכטיג?

**משפיע:** זייער שיין! כ'וואלט דיר געראטן צו עפענען א ספר 'קדושת לוי' אין די קדושות, און דורכלערנען כאטש די ערשטע 'קדושה', נאך בעסער אויב קענסטו אניאגן מער, ווייל דארט ווערט די נקודה שטארק ארויסגעברענגט.

**אברהם יצחק:** יישר כח, און א פרייליכן פורים!

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**אויב עבודת השי"ת איז ביי דיר אויף א אופן פון 'ואתה עיף ויגע' ווי א שווערע מוטשעניש, אן קיין נחת רוח אין עבודה, איז א סימן אז 'ולא ירא אלוקים' ס'פעלט אמת'ע יראת שמים.**

הרה"ק ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע (דברי שמואל, תצא)



# דעם אויבערשטנ'ס פארדינסט

די פארשטיקטע לופט אויפן וואגן צעמישט די פארשידענע גערוישן פון אלע עקן פונעם באן. צו איז עס א טייל ערשעפטע רייזנדע, וואס שלאפן זייער אויפן קול, אדער א פאלקס לידל וואס איין דיקער גוי האט באשלאסן צו ארויפצוואונגען אויף אלע מיטפארער, און פארשטייט זיך אויך הילכיגע פלאפלערייען מיט גראבע רוסישע געלעכטערס וואס פאסט זיך שיין צו די קרייען פון א משפחה הינער אין זייער לעצטן וועג.

אינדערמיט זיצן צוויי געהויבענע אידן, ר' ברוך און ר' יהושע דוד'קעס, ביידע חסידים אויפן וועג צוריק פון סלאנים און פארברענגען אין דברים העומדים ברומו של עולם, אן די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צום אלעס ארום זיי.

א מיטל-יעריגער איד געקליידעט ווי א קאנטאניסט, גייט זיי מיטאמאל פארביי.

פלוצלונג, ר' יהושע דוד'קעס זעצט זיך אויף."האסט אים געזען?", פרעגט ער זיין פריינט מיט א פארוואונדערטן בליק, "וואס איז פשט?".

ווייניג וועלטליכע זאכן האבן די מעגליכקייט צו ערוועקן אינטערעסע ביי די צוויי חסידים ווען זיי זענען פארטיפט אין זייערע רוחניות'דיגע תענוגים, אבער דאס איז פון די ווייניג.

דער קאנטאניסט גייט זיי אריבער אן עפעס באמערקן, ער ברומט ווייטער א לידל צו זיך, און זעצט זיך לוסטיגערהייט אויף זיין זיץ, נישט ווייט.

"קוק א שטראלנדע געזיכט! האסטו אמאל געזען אזא ליכטיגער קאנטאניסט?!", שושקעט ר' יהושע מיט וואקסנדע וואונדער.

די געהויבענע חסידים מיט זייער שארפן - און דער עיקר - טיפן בליק, קענען פונאנדערשיידן מענטשן לויט זייער פנים, זיי ווייסן צו דערקענען ווען איינעם'ס נשמה שיינט און לייכט, און דאס האט אנגעצינדן זייער נייגער.

"זעסט ווי פרייליך ער איז? וואס דערפריידט אזא נעבעכדיגע נשמה ווי ער?", קען נישט ר' ברוך פארשטיין.

"מיט וואס קען א איד, אן אומשולדיגער עם הארץ, וואס פארברענגט זיינע יארן צווישן געמיינע גוים, זיין אזוי גוטמוטיג?", שטימט צו ר' יהושע.

"האט ער אמאל געלערנט א בלאט גמרא? האט ער דען היינט ארפגעלייגט א פלאמעדיגע דאווענען?", וואונדערט זיך ר' יהושע, "ער קען דאך נעבעך נישט קיין צורת אות!".

"און לאמיר נישט רעדן פון זיין רוחניות... אויך בגשמיות, וואס האט ער אין זיין לעבן? קיין ווייב און קינדער האט ער נישט, ווארשיינליך וועט ער נישט זוכה זיין דערצו...", שושקעט ר' ברוך צוריק.

"לאמיר פרובירן כאפן א שמועס מיט אים", שלאגט ר' ברוך פאר. זיי גייען צו צום קאנטאניסט.

"לאמיר רעדן קלאר", רופט זיך ר' יהושע אן, נאך אפאר מינוט פון געדרייטע ווערטער-אויסטוישן וואס האבן נישט געפירט אין ערגעץ.

"מיר זעען א מורא'דיגע שמחה און חיות אויף דיין פנים, יא?".

דער קאנטאניסט ווערט רויט: "נו... פארוואס זאל איך זיך נישט פרייען?".

ר' יהושע קלויבט די ווערטער צו חלילה נישט באטרעפן זיינע געפילן: "מיר פארשטייען נישט, וויאזוי קען א איד ווי דיר זיין פרייליך? ביסט אריבער שבעה מדורי גהינום, לאנגע יארן אפגעריסן פון דיין משפחה, צוגענומען דיין מעגליכקייט אויפצושטעלן א משפחה, לערנען תורה און דאווענען. וויאזוי קענסטו זיין בשמחה? לערן אונז אויס!".

דער קאנטאניסט הייבט זיינע אויגן-ברעמען פארוואונדערט. "דווקא דערפאר בין איך פרייליך!", ענטפערט ער מיט א פשטות. "וואס הייסט 'דווקא דערפאר'?", ווערט ר' יהושע צעטומלט, "מ'האט אלץ צוגענומען פון דיר?".

"פארשטייסט נישט?", זעצט דער קאנטאניסט פאר, "זאג מיר דו, ווען די רשעים וואלטן מיר נישט פארכאפט יונגערהייט, און כ'וואלט געקענט לערנען און דאווענען, אויפשטעלן א משפחה ווי געווענליך, וואלט דער אויבערשטער נישט מער פארדינט דערפון?

כ'וואלט אים דאן געקענט שאפן אסאך א גרעסערע נחת רוח!

אבער השי"ת האט געזען אז ס'איז נישט גוט פאר מיר, פאר מיין תועלת איז בעסער אז מ'האט מיר פארכאפט צווישן גוים, כ'קען נישט קיין אות און קיין משפחה וועל איך מער נישט האבן, און כאטש איך פארשטיי נישט וואספארא טובה כ'וועל האבן דערפון, אבער כ'ווייס אז ס'איז פאר מיין גוטס.

דערביי איז דער אויבערשטער געגאנגען און מוותר געווען אויף זיינע פארדינסטן, אויף מיין דאווענען און לערנען, בלויז פאר מיין תועלת! פארשטייסט נאך אלץ נישט פארוואס כ'בין פרייליך...?".

די חסידים שטייען געפלעפט אויפן ארט, ווי שטום.

די ריינע אמונה און תמימות פאר דעם איד האט זיי באטראפן ווי א ערד-ציטערניש.

"גיי ווייס", שעפשעט ר' יהושע צו זיין חבר פארטראכטערהייט, "פון וואס פארדינט דער אויבערשטער מער... כ'מיין אז ער 'פארדינט' אסאך מער פון זיין אמונה, און זיין אמת'ע קבלת יסורים באהבה...".

מקור: מקובל ביי סלאנימ'ער חסידים

# וואס איז א איד (ב)?

## מעלה פון כלל ישראל - ווענדט זיך עס אין וויפיל מצוות זיי טוען?

## שאלה:

כ'האב אויפגעכאפט פארשידענע לשונות אין פסוקים און נוסחאות התפילה (א שטייגער ווי "הבוחר בעמו ישראל באהבה", "ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", און ווייטער אן א שיעור ביישפילן), וואס געבן ארויס אז די מעלה פון כלל ישראל נעמט זיך נישט פון דעם וואס זיי זענען מקיים תורה און מצוות, נאר זיי האבן א מעלה פאר זיך. ארייגקוקנדיג אין חסיד'ישע ספרים האב איך אנגעהויבן זען, אז אט די נקודה ווערט נאכאנאנד ארויסגעברענגט.

ס'איז מיר א גרויסע חידוש, ווייל מילא ווען אידן געפינען זיך אין א דערהויבענע מצב, זענען מקיים תורה ומצוות און דינען השי"ת באהבה ויראה ובדביקות, זענען זיי הייליג און געהויבן. אבער איך פארשטיי נישט מיט וואס מיר זענען חשוב, אין א צייט ווען מיר געפינען זיך ח"ו אין א נידריגע דור אן קיין אמת'ע תורה, אן יראה און דביקות ווי ס'דארף צו זיין.

וואספארא מעלה האט א איד מצד עצמו?!

## תשובה:

## אין קורצ'ן דער ערשטער טייל פון די ענטפער:

אוודאי באזיצט א איד א מעלה מצד עצמו, ס'נעמט זיך פון זיין חלק אלוק ממעל, אידן קומען פון כח ה'מחשבה' פון השי"ת כביכול, וואס דאס מיינט אז זייער שורש איז זייער פנימיות'דיג פאראייניגט מיטן אויבערשטן, אנדערש ווי גוים וואס קומען פון 'דבר ה'' עשרה מאמרות, וואס דאס באדייט א חיצוניות'דיגע השפעה פון השי"ת. אזוי ווי מבשרי אחזה וואס די מחשבה איז ביים מענטש אינעווייניג (אפילו אויב קיינער און גארנישט איז נישטא) און נאנאנד ווילאנג ער לעבט, וואס דאס באווייזט אז כח המחשבה איז פארבינדן צו זיין עצם עקזיסטענץ.

קומט אויס אז א איד איז א מציאות אלוקית וואס טוישט זיך קיינמאל נישט, און אפילו אויב ער איז אינגאנצן פארשמירט און דערווייטערט, איז עס אבער א פארשמירטער בריליאנט וואס ווי נאר דו וועסט עס אפשיילן און פארשלייפן, וועסטו זיך טרעפן מיט א בלאשקעדיגע דימאנט, וואס די פילע עבירות האבן אין נאר פונדרויסן פארדעקט.

לויט דעם האבן מיר ארויסגעברענגט אז מעשים טובים איז א מיטל וויאזוי קדושת נשמה 'דריקט זיך אויס', אבער נישט די 'סיבה' וואס שאפט די קדושת הנשמה, און אייגנטליך איז טאקע א פלא עצום וויאזוי ס'איז מעגליך אז א אידנ'ס גוף חומרי זאל צומאל קענען איבערנעמען קאנטראל אויף די נשמה אלוקית, אפילו נאר אויף דערווייל ביז ווען יעדער איד וועט ענדע האבן א תיקון.

דערצו האבן מיר אנגעגעבן א ביישפיל, ווי אויך אין אונזער עולם ההסתר זעט מען ווי די קדושת הנשמה פון דער ווייטסטער איד, טוט ארויפשווימען צום אויבערפלאך: דער כח האמונה וואס כלל ישראל פארמאגט. די מציאות אז אזויפיל דערווייטערטע אידן האבן און טוען ווייטער אויפגעבן זייער לעבן פאר אן אמונה וואס זיי האבן קיינמאל נישט געלעבט דערמיט, ברענגט ארויס ווי קדושת הנשמה איז זייער אמת'ע מציאות און ברענט אין זיי.

## 'אויסדריקן' פון די נשמה

**אצינד לאמיר אנגעבן נאך צוויי אזעלכע ביישפילן פון 'אויסדריקן' פון די נשמה:**

**די צווייטע ביטוי: גוטס און רחמנות.** נאך אן אייגנשאפט וואס קומט פון קדושת הנשמה און איז אן אויספירליכע צייכן אויף אידן, אויך די גאר ווייטע, איז דאס טון גוטס, חסד און רחמים. חז"ל זאגן אז איינער וואס איז זיך נישט מרחם אויף אנדערע געהערט נישט צו זרע אברהם, ווייל א איד פון נאטור אויס איז 'גוט' און טוט גוטס, א איד איז א רחמן, א איד איז א גומל חסד.

**פארוואס איז עס אזוי? פון וואו נעמט דער סאמע נידריגסטער איד אזעלכע שיינענדיגע אייגנשאפטן?** ווידעראמאל איז די ענטפער: מכח זיין געטליכע מציאות. דער אויבערשטער איז א טוב ומטיב, "הטוב כי לא כלו רחמיך והמרחם כי לא תמו חסדיך", און אונזער גאנצע פארנעם וויאזוי מיר 'באגרייפן' דעם אין סוף ב"ה, איז פון זיין וואונדערליכע, גוטע השפעה אלס באשעפער און מנהיג העולם, אין וואס ער דריקט אויס כביכול זיין ענדלאזע חסד און רחמים. דעריבער טוט אויך די נשמה זיך אזוי אויסדריקן. פונקט ווי השי"ת איז זיך מגלה פאר אונז מיט מידת החסד, אזוי אויך ווערט די נשמה נתגלה אין איר נאטורליכע מידת החסד.

**די דריטע ביטוי: א שטרעבונג צו העכערס.** נאך א מיסטעריעזע ערשיינונג וואס איז אויפפאלנד גאנגבאר ביי אידן, איז זייער אומאויפהערליכע שטרעבונג נאך העכערס. זיי רייזן אפ קיין אינדיע און איבער אלע עקן וועלט אפירצוזוכן 'עפעס'. זיי זענען נישט אומשטאנד זיך צו באגנוגנען מיט גרעניצן, זיי זענען אומרואיג מיט די פשוט'ע, מגושם'דיגע 'יעצט', שטענדיג זוכן זיי 'עפעס מער'. **דאס איז די תכונה פון נשמה, וואס איז אן 'אין סוף' מכח איר געטליכע מציאות,** און דערפאר איז זי קיינמאל רואיג מיטן עולם המוגבל והמגושם, נאר גארט נאכאנאנד צו זיך באהעפטן צו איר מקור.

ביי פארגרעבטע מענטשן, טוט זיך די תכונה צומאל ארויסווייזן אין זייער שטענדיגע געיעג נאך מאטריאליסטישע הצלחות, מיטן דורכ'ברעכן אלע נאטורליכע גרעניצן אנצוקומען צו וואס א גרעסערע גשמיות'דיגע הצלחה. אבער בעומק, רעדט זיך דא פון א פנימיות'דיגע תשוקה דורכצוברעכן גרעניצן, זיך צו הייבן צו העכערס, זיך צו מדבק זיין צום מקור.

דער פשוט'ער מענטש ווייסט נישט וויאזוי אויסצוטייטשן זיין אינערליכע זוך וואס קאכט אין אים, און דעריבער לייגט ער עס אריין אין גשמיות. אבער אין אמת'ן אריין רעדט זיך עס פון א נאכאנאנדיגע שטרעבונג צו העכערס, גענוי ווי א פלאם וואס טאנצט שטענדיג, פרובירנדיג זיך אפצורייסן פונעם קנויטל און זיך ארויפלאזן צום ענדלאזן הייעך... ווי ס'שטייט "נר ה' נשמת אדם", טאקע צוליב דעם איז די נשמה פארגליכן צו א ליכטל.

[**א וויכטיגע קלארשטעלונג:** היינטיגע צייטן ווערט אפט ארויסגעהויבן דאס 'אידישע קאפ' און די אויסגעצייכנטע אידישע טאלאנטן, ווען אנדערע נוצן עס נאך אלס איינע די הסברים אין 'אתה בחרתנו'. און אונז זענען אזא ספעציעלע פאלק, און אז אפילו גוים מוזן עס מודה זיין (וואס דאס איז אפשר שוין גאר א קידוש ה'...), מ'דארף וויסן אז ס'האט נישט קיין שייכות מיט די מהות פון א איד, ס'איז די גוי'אישע בליק פון א גוי'אישע קאפ וויאזוי איינצוזען די מעלה פון א איד. די מעלה פון א איד איז זיין געטליכע מציאות און אלץ וואס קומט ארויס דערפון, אבער נישט קיין שום כשרון אדער ענין גשמי אד"ג. ס'לאזט זיך שאצן אז דער פאקט אז אידן זענען אפטמאל פיל מער געלונגען און כיטרע ווי רוב מענטשן פון דער וועלט. שטאמט דווקא פון די דריטע אויבנדערמאנטע ביטוי - זייער אינערליכע שטופ דורכצוברעכן אלס וואס זעט אויס אוממעגליך און מאכן פארשריט צום אין סוף].

## ביים אויבערשטן האלטן מיר שוין יעצט ביים תיקון השלם!

דא מוז מען צולייגן א מורא'דיגע נקודה, נעמליך: וואס איז יעצט דעם אויבערשטנ'ס בליק אויף אונז?

מיר האבן שוין פארשטאנען אז פון אונזער אמת'ע מציאות זענען מיר קדושים וטהורים אן קיין שום פגם, און אז צום סוף וועלן מיר אנקומען צום תיקון השלם מיטן אויבערשטנ'ס הילף, אבער דערצו ווייסן מיר אז **כרגע** זענען מיר פארדעקט מיט שיכטן אויף שיכטן פון בלאטע, קומט אויס אז מיר זענען פשוט 'איין שטיק בלאטע', נישט אזוי?!

דעריבער דארף מען וויסן, אז דער אויבערשטער וואס איז אסאך העכער פון אלע נבראים, און איז געווען פאר אלעס, און וועט זיין נאך אלעס, איז היה, הוה ויהיה אלץ אויף איינמאל, און דער אויבערשטער זעט שוין פון יעצט וויאזוי אונז גייען מתקן זיין אונזערע מעשים מיט זיין הילף, ער ווייסט וויאזוי ער גייט אונז ענדגילטיג צוברענגען צום תיקון השלם, דערפאר זעט ער שוין פון יעצט ווי מיר זענען הייליגע, זויבערע אידעלעך!

ווי ס'שטייט אין פסוק: "לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל, ה' אלקיו עמו ותרועת מלך בו", אויף וואס רש"י הק' איז מפרש אז השי"ת זעט נישט אונזערע עבירות, וויבאלד 'תרועה' איז א לשון פון חיבה. די סיבה דערפאר איז ווי געזאגט, היות ער זעט א מציאות פון "ה' אלקיו עמו", ער זעט אלקותו ית' אין אונז, ער זעט זיין געוואלדיגע ליבשאפט צו אונז, דערפאר איז אים קלאר אז אונזערע עבירות איז א צייטווייליגע, אויסערליכע ערשיינונג וואס באריט נישט אונזערע אמת'ע מציאות, צוליב דעם קוקט ער נישט אויף די חטאים, ווייל ער ווייסט אז צום ענדע וועלן זיי צעגיין און פארשוואונדן ווערן, בשעת די נשמה זעלבסט וועט לייכטן און שיינען. 'עבירות' זענען בלויז אזויפיל ווערד אז ווען מיר וועלן זיי פארלאזן און זיך צוריקקערן בתשובה שלימה וועלן מיר אין צוגאב באקרוינט ווערן מיט די מעלה יתירה פון 'בעלי תשובה', אבער זיי זענען נישט דא כדי אונז צו באטיטלען אלס 'בעלי עבירה' ח"ו.

דערפאר דארף א איד וויסן אז דער אויבערשטער זעט שטענדיג די מעלה פון א איד, זאל זיין וואס זאל זיין, אויך דער געמיינסטער איד אין די וועלט. ווייל ווי געשמועסט, בסופו של דבר איז ער א נשמה אלקית ונצחית וואס וועט זיך צום ענדע אנטפלעקן מיט אירע פולע גלאנץ, און השי"ת זעט דאס שוין יעצט.

**צום שלוס, וויאזוי איז דאס אונז אלץ נוגע אויף למעשה?**

ווי דערמאנט, רעדט זיך דא פון איינס פון די יסודות החסידות פון וואס אסאך אנדערע עניני עבודת ה' קומען ארויס, אבער למעשה'דיג גערעדט דארף עס דער עיקר צוברענגען א געוואלדיגע אהבת ישראל, סיי צו אלע ערליכע אידן וואס מ'דריידט זיך ארום זיי, און אויך ווען מ'זעט נעבעך אידישע קינדער אין א נידריגע מצב, טאר מען נישט פארגעסן זייער אמת'ע מציאות, נאר מ'דארף ערוועקן א געפיל פון רחמנות אויף זייער געטליכע נשמה וועלכע זייער גוף לאזט זיך נישט אויסדריקן. אבער מ'דארף וויסן אז זיי זענען געהויבן און הייליג אן קיין השגה, און זיי ליב האבן אהבה רבה און אהבת עולם.

ס'איז כדאי צו צולייגן וואס עס שטייט אין ספה"ק אז ווען מ'קוקט אויף א פארשטעלטער איד מיט דעם ליכטיגן בליק, אז ער איז א געטליכער מציאות וואס געפינט זיך נעבעך אין געפענגעניש, באקומט זיין נשמה העכערע כוחות, זיך צו שטארקן אויפן גוף, און אויפשיינען מיט איר פולן פראכט. און פארקערט אויך אז אויב מען באטראכט אים ווי א שלעכטער וואס וויל זיין שלעכט און ווייט ח"ו, ווערט דורכ'דעם זיין כח ההסתר פונעם גוף געשטארקט, און זיין אומגליקליכע נשמה ווערט נאכמער באהאלטן און דערדרוקט רח"ל. אין אנדערע ווערטער: די גרינגסטע און ווירקזאמסטע וועג צו מקרב זיין רחוקים (און אוודאי קרובים...) איז דוכ'ן טוישן די אויבערפלעכליכע שקר'דיגע בליק, צו א אמת'ע ליכטיגע בליק.



אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483